שיר המעלות הבוטחים בד׳ בהר־ציון לא־ימוט לעולם ישב: ירושלים הרים סביב לה וד׳ סביב לעמו מעתה ועד עולם כי לא ינוח הרשע על גורל הצדיקים למען לא־ישלחו הצדיקים בעולתה ידיהם: היטבה ד׳ לטובים ולישרים בליבותם: והמטים עקלקלותם יוליכם ד׳ את פועלי האון שלום על־ישראל.

תהילם, קכ״ה

א געזאנג פון די ארויפגאנגען. די וואס פארזיכערן זיך אויף גאט זיינען אזוי ווי בארג ציון וואס רירט זיך נישט; אייביק פארבלייבט ער. ירושלים — ארום איר זיינען בערג — און גאט איז ארום זיין פאלק פון אצינד און ביז אייביק. ווארום דער שטעקן פון שולדיקייט וועט נישט רוען אויף דעם גורל פון די גע־רעכטע, כדי די גערעכטע זאלן נישט אויס־שטרעקן אין אומגערעכטיקייט זייערע הענט. באגיטיק גאט די גוטע, און די וואס זיינען רעכטפערטיק אין זייערע הערצער. אבער די וואס גייען זיך אויף זייערע קרומע וועגן זיי וועט גאט אוועקפירן מיט די טוער פון אומרעכט. שלום אויף ישראל.

יידיש יהואש



א טאנץ בײַ דער מסדה. — ראַובן עדעלמאַן

לאנדאנער קולטור־ידיעות אין קומענדיקן נומער.

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

467־8 38סטער יארגאנג יאנואר־מאי 1978 לאנדאן

## צום 30׳סטן יאר מדינת-ישראל
## י-רו-ש-ל-ים

של־מעלהדיק מ׳גייט קיין ירושלים,
מיט יעדער גאס אלץ העכער און העכער;
די שטאפלען צו כביכול אליין שוין,
זון־אויפגאנג — אירע באשטראלטע דעכער.

איבער די גאסן פון ירושלים,
די פיס הימליש־געהויבענע טאנצן;
די אויגן גאט־פארגלייזטע, אויפגעהויבן,
פילע מיט חדוה־טרערן צעגלענצן.

גאנצע דורות לאנג געגאנגען, געגאנגען — — —
אז דור אונזערער דאך אנגעקומען!
ביזן זיבטן הימל דער מצוה־טאנץ!!
גאנץ פאלק ברידערלעך־ארומגענומען.

רעדל אין רעדל און אקסל ביי אקסל,
אונטער די פיס ערד זיך צו צעשפאלטן;
אז איינער ווערט שוועכער, פיס נעמען וואקלען,
טויזנטער שטארקע הענט פעסט אים האלטן;

שטיגן, שטיגן און אלץ העכער געשטיגן —
שטאט פון אייביקן שלום דערגרייכן!
דער גאנג איין גרויסער, איין געטלעכער געזאנג,
קען זיין העכערע הימלישע הייכן?

און גאט אליין אויף זיין כסא של רחמים,
פון גרויס פרייד איבערגייען די אויגן
און פול מיט שלום איבער דער גאנצער וועלט,
זיין בענטשנדיקע האנט אויסגעצויגן.

# די כותל מערבי - וואנט

א

„ככל הגוים בית ישראל!"
אמוציקומען אדער זיגן,
א העלד אדער א מת ליגן.

נישט אויף שייטערס, נישט פארגאזטע,
אייגן צעפיקטע פון ראבן,
לעבעדיקע טיף באגראבן.

„ככל הגוים בית־ישראל!"
אויב עס שוין אוועקצוגעבן?
איז א לעבן פאר א לעבן!

אויב א טויט? איז עס פאר א טויט!
אויב פאלן אין האנט כלי־זיין!!
שטייט נישט: „עין תחת עין"?

ב

אויב דאס־א מיינט דער מענטש קיין
שריד ופליט נישט בלייבן —
נישט פון אים, נישט פון זיין גלייבן.

אויף דעם געבליבן שטיין די וואנט,
מענטש פאר איר געשאסן ווערן,
אזוינס בעסער ס׳זאל אויפהערן — —

און א קול ברמה נשמע:
אויב די וואנט דאך שטיין געבליבן
און ס׳געשטיין אויף שטויב נישט צעריבן — —

ווו וועלט נאר אן עק, איבער
גארער, געיאגט און געטריבן —
לסוף זיך דאך צונויפגעקליבן.

## „מי שאמר לשמן שידליק יאמר לחומץ שידליק"

צום 19׳טן אפריל הייאר

עס איז דער נאפט וואס די „גרויסע" גייען מיט זיי,
זיי דארפן אים פאר די אויטאס! אז אך און וויי,
ס׳איז דער מענטש שוין געווארן אן „אמאק"־לויפער,
נישט נאר פון ג'אט — אין לעצט מענטשלעכקייט א כופר!



יעטווידער אטאם, מינדסטער, ער איז שוין גאר נישט מער,
א מעשה זיך אנצוטון — ס׳לעצטע פיצל געווער!
א מין זויער־שטאף משוגע ווילד אויפפלאמען,
פערשרפעט צו ווערן מיר אלע צוזאמען.

ס׳איז נישט מער די פראגע: וואס אמת, ווער גערעכט איז?
נאר ווייל שוואכערן גרינגער צו נעמען אויפן שפיז — —
דער טאג פונם נקמה־משפט גייט קומען,
ווי א חיה־רעה ווילד די ערד זיך צעברומען.

עפענען זיך א פלאקערדיקער טיפער תהום,
און נישט נאר קיין זכר בלייבן פון שם און פון חם,
נאר צומאל פון דעם שיינעם יפת אפילו — —
איינס ווי ס׳אנדערע שאנדערע באנדערע במחילה —

אויף זיין כסא־הכבוד שבעה זיצן ס׳וועט ג'אט,
נאך זיינע בן־אדמלעך, וואס געשאפן ער האט;
אים מנחם צו זיין, צו גיין עס וועט קומען,
דער שטן אליין מיט „פארגעס מיך נישט" בלומען:

„ווי זיי האבן זיך דאס געיאגט אינם טויט אריין,
ווי גיכער איינער פון צווייטן האט דאס געוואלט זיין,
אויטאס, באסעס, באנען — מיט פליערס געפליגן!
זאל זיי די ערד גרינג זיין" — זיך ווישן די אויגן . . .

## ש ע י ר ל ע ז א ז ל

א

אויב מיר אים, דעם שעיר לעזאזל,
אין ספר ויקרא אריינגענומען,
האבן מיר נישט אינגאנצן בחינם
דעם נאמען ביי די פעלקער באקומען.

אלע גוטע טעמים, בעסטע פשטים — —
פארן טייוול זיי ארויסצואווארפן!
אויב מיר, ס׳עס חכם ונבון, דעמלט
אים געדארפט — זיי אים היינט נאך דארפן!

יא, אמת, די מענטשן באלד אויפהערן
ביקסן צו מאכן, שווערדן צו שארפן
ווארום אין צייטן פון אטאם־באמבעס,
פארן טיוול אזוינס מ׳קאן דען נאך באדארפן? —

ס׳איז די ערד קיין קיילעכדיקע מצה,
אז אלצדינג זאל קאנען גיין בסדר;
ווילאנג ס׳דרייט זיך, עגול ואשמה,
שיר־שירימדיק „באהל — כדר".

ב

רק א פורים־שפיל דאס ביסל לעבן,
יעדער פארשטעלט איך אן אנדער אופן;
עס איז די וועלט אזא שאכער־מאכער
און זי דרייט זיך איף רעדער און שרויפן.

אויפן קנאפל עס דרייט זיך א יענער,
ווער עס האט נאר אפאר גאנצע שטיוול.
אז נישט, שיקט ער פון עולם־הבא שוין
א טרערן־צעפינטלט ידידי־בריוול —

די כל־המינים געפארבטע מאסקעס
איף אונזערע פנימער, וואס מיר טראגן — —
און די פורימדיק־געמאכטע גראמען,
וואס מ׳האלט אין איין שכורדיק זאגן —

יא, ס׳ציט זיך שוין אזוי פון הר־סיני
ביזגל אצינדער צום הר־צופים,
און פונם „קאלעכדיקן" ווייסן־הויז,
פון רויטן „קרעמל" ביז די אין־סופן.

## חייב אדם לבסומי בפוריא

מייק ברודער, זכר צדיק לברכה,
א חריף, א שארפער בעל־פילפול,
דערצו א פרומאק — סכנות נפשות!
איז זיין שווערסטע עבודה געווען
ווען די נאכט פון פורים געקומען.



„חייב אדם לבסומי בפוריא"
עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי",
כסדר זיך געפרואווט נאך יעדער כוסה
און דווקא ארויסגעזאגט רק כהלכה:
„ארור המן, ברוך מרדכי!"

א דיין אין שטאט ער איז געווען,
שלח־מנות אין די הונדערטער געקומען,
און מיט יעדן טעלער א פלאש וויין,
און ווען מיט עולם ארום טיש
אלע פלעשער אויסגעשניאשקעט שוין —

„הגיע זמן קריאת־שמע של שחרית!"
אויס פורים־שפילן, פורים־רבס תורה,
אלע פלעשער אויסגעליידיקטע — —
האט ער זיך אויפן קול הויך צעהעשעט,
דרייענדיק דעם פסוק אהין און צוריק.

„ארור המן, ברוך מרדכי!"
„ברוך מרדכי, ארור המן!"
געדרייט אים אהין, געדרייט אים אהער,
אבער אלץ אויפן זעלבן ער קומט ארויס!
האט ער זיך הויך אויפן קול צעוויינט:

„ממיתט מיך, הענגט מיך אויפן גאלגאן אויף,
אבער איך קען נישט, אזוי איז דער דין —
ארור המן און ברוך מרדכי — — —
שמע ישראל!" שכורלעך אויסגעשריגן
און זיך צעהילכט מיט הויך געיאמער.

## מגילת יוחסין

אסתר געווען דעם טאטנס טעכטערל,
ווייל זי נאך די באבע אסתרל געהייסן;
איך — די מאמעשיס קינד ווייל נאכן זיידן —
נחום טשעלאדזשער, ביי דער גרענעץ פון פרייסן.

איז אסתר טאקע געווען א קאפמענטש, ווי שלמה —
נאמען נאך טשענסטאכאווער דיין — דעם זיידן;

איך מיט צימעלען צוויי „טשעלעדזשער דופעס"*
א מין צווילינג־מענטש, נישט אונטערצושיידן.

הויך אויפן בארג, איבער דער „זשימנע דופא",**
דעם עלטערזיידנס אוהל, קוויטלעך צו לייגן;
ארויפצוקומען ביזגל צום שפיץ ארויף,
כאטש דעם זיבטן הימל ארויפצושטייגן.

דער זיידע דער דארפס־ייד, א דזשעזיץ געווען,
געשיקט נאך סאנדז קארטאפל גאנצע וועגן,
ווען די וואך פאר פסח געקומען עס איז,
אז געגוג ס'זאל זיין פאר אלע יושבים וועגן.

זיידע תיכף קומען קינד מיטברענגען!
איינמאל א שליח מיוחד פון סאנדז געקומען
„דער הייליק צדיק וויל דאס קינד בענטשן" — —
תיכף געפארן די מאמען מיטגענומען —

נו, האט מען צימעלען אין אשווין פארברענט,
און איך מוטשע מיך נאך אלץ — נישט אויפצוהערן!
נישט בחינם האט מאמע תמיד דערציילט:
„בשעתן בענטשן געזען אין רבס אייגן טרערן.

## מיין לעצטער סדר אין דער היים

ווען מיין טאטע איז ארויס,
נאכן סדר, פאר דער טיר,
נישט צו די שטערן זיין בליק —
פיל טרערן גערוט ר'האט אויף מיר

„כה יהיה זרעך"?
מיין הארץ האט צעריסן זיין „אוי!",
און אויף מיין קאפ געפאלן
זיין טרער — א טראפנדל טוי —

אויפגעגאנגען מיר דעמלט
וואס אזוינס מיינט עס א ייד!
ס'איז יענע, מיין טאטנס טרער
דער טראפן טל פאר מיין ליד.



## משה רבינו

וויאזוי איז אזוינס משיג צו זיין,
וואס אין דער גאנצער הגדה צומאל
ס'איז דער נאמען פון משה רבינו
נישט דערמאנט אפילו קיין איינציק מאל?

יא, זיין געוואלטיקע ליבשאפט צום פאלק,
מיטן נישט־דערמאנען — ער ווערט דערמאנט! —
יא, אז זיין „ואם אין, מחני־נא"!
קייגן גאט אים אויסשרייען ר'האט געקאנט.

מיט זיין גרויסער אהבה צו זיין פאלק
גאט אליין ער האט מנצח געווען —
און אייביק מיט זיין פאלק ער וועט בלייבן:
וואס געשען מיט אונז עס זאל נישט געשען —

דער ערשטער באפרייער פון עבדים,
עס איז געוועזן ער, משה, גאטס־קנעכט —
יא זיין גרויס עניוות צו דערמאנען
אין די דאזיקע חג־הניסים־נעכט.

## דעם לובלינערס פארשטערטער פסח

— „זמרה נגעים וקול גרום בטל" —

אז נישט אויסצוהאלטן מער געווארן,
איבער קאפ שוין די צרות געוואלטיק גרויס.
און אויב משיח איצט נישט קימען וועט,
מיט יידן, חלילה, ס'איז איינגאנצן אויס.

אבער ווער פאר א שותף זיך נעמען
הימלען איינצורייסן, אז תיכף ער קומט?
„יא, דעם קאליווער מיט זיין זיסן קול!"
האט זיך דער לובלינער ווי א לייב צעברומט.

„נעשה ונשמע!" און מיט א שליח
צו וויסן געטון, יענער מסכים געווען:
ביידע זיך גרייטן — — נסים אזעלכע,
ווי ביי קריעת ים־סוף, די וועלט וועט זען.

די עבודה דעמלט ביי די בײדע!
דעם גאנצן ווינטער זיי האבן זיך געגרייט,
אין דער סדר־נאכט ביי „שפוך חמתך"
דעם ישטן ממש שיין געשאקלט אויף קייט.

גלוי־אליהו האבן ביידע,
מיט ליכטיקסטן פנים פאר זיי ער דערשיינט!
נאר ראפטום טרייעריק דער נביא ווערט,
הייך אויפן קול דער תשבי האט זיך צעוויינט.

וואס געשען? דער חוזה ווערט צעטומלט —
„ואתא כלבא" און צעביסן דעם קץ!
גיי און לאז דיך אריין מיט א „מאדיאר" — —
וואס דעמלט ס'האט זיך אפגעטון — וואס ווייסט עץ?

די מעשה דערפון איז אזוי געווען,
פון גרויס חדווה וואס אליהון דערזעען,
האט ער זיין „סאלא קאקאש מאר" זינגען
גענומען און ס'אומגליק איז ראפטום געשען —

אז משיח האט דערהערט: א רבי
שטאט אויף יידיש, אויף מאדיאריש גאר זינגט,
האט ער פלינק ס'אייזל אייסגעקערעוועט,
און באותו רגע נעלם־ווערן אים געלינגט.

## „זכור אשר עשה לך עמלק"

די נייעס פון די אראבישע צען קינדער,
געשאסענע אין לבנון געלעזן,
גאנצן גייענדיקן טאג א טרויעריקער,
א מרה־שחוריקער איך בין געווען.

אמת, ס'איז טאקע מידה כנגד מידה!
אבער אזא מידה נישט פאר אונז יידן;
מיט אזעלכענע העלדישע גבורים־געגנג
נישט „מערן מיר ווען אויף וועלט דעם פרידן."

„זכור את אשר עמה לך עמלק"!
יא, א מצוה זיין זכר אויסצומעקן!!
די שטארקע נאר בלויז, די גבורים, פאר וועלכע
מען קאן מורא האבן פאר זיי זיך שרעקן.



אבער פאר קינדער, אפילו עמלקים — —
„בני בניו של המן למדו תורה ברבים"!
דער גאנג פון יידן איז דעם פרידן צו מערן,
„מרבים שלום" — — דער וועג פון די מכבים.

א, גאט אבער וויאזוי זאל דאס־א ווערן,
רציחה צווישן מענטש און מענטש זאל אויפהערן?
„מיינע קינדער"? „דיינע" — — יעדעס האט א מאמע!
לאגל, פארוואגלט, אנגעפילט מיט טרערן — —

## „חייב אדם לבסומי בפוריא עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי"

נישט בחינם מוז מען פורים
„עד דלא ידע" שכור זיין,
ווארום צומאל אזא גדול
קאן ווערן נצחונדיק קליין —

ווען דער רבי אלימלך
ביי מגילה־לייענען דערגרייכט
„שבעים וחמש אלף",
ווי וואנט געווארן אויסגעבלייכט —

זיך געשטעלט ממש אויפן קאפ:
„וואס עפעס אזוי ווייניק גאר?
דער פסוק איז מיר לגמרי
משיג צו זיין פשוט נישט קלאר" —

און נעמענדיק כוס נאך כוס,
געקומען צום קלארן געדאנק;
ווי א קינד הילכיק זיך צעוויינט
און תורה געזאגט שעהען לאנג:

ווייל „חייב אדם"! ביי דעם־א
ווערן אלע אדמלעך גלייך,
און פון אלע הייליקייטן
לאזט זיך אויסעט א טרערן־טייך.

## א תורה פון א פורים רב

ס׳ואט א תנא געטייטשט „יום־כפורים״,
יום־כיפור איז אזוי גרויס ווי פורים״ — —
אבער פורים א סך א סך גרעסער,
ווייל מען שיקט זיך חבריש שלח־מנות,
און צו די ארעמע לייט מתנות,
לחיים מען טרינקט פון פולע פעסער.

מען דרייט נישט איבערן קאפ קיין בעכער!
און מיט וויינענדיק געמאכטע טענער,
מען שרייט נישט: „גאט גיב געזונד און לעבן;
יעדער כאטש א קרבן־עולה!
און א הונגעריקן מען איז חולה,
א גיטע מאלצייט אפעסן צו געבן.

ווי פורים פונקט מען טוט זיך פארשטעלן,
ווען פאר גאט תפילה טון מ׳טוט זיך שטעלן,
אינם הייליקן טאג פון יום־כפור,
איפן קאפ א קאפל שטאט א היטל,
איינגעהילט אין טלית און אין קיטל —
און פון מחזור — יוצר־איבער־היפן.

פורים איז א כוסה נאך א כוסה!
נישט קיין קליינע — נאר דווקא א גרויסע!
„מחזור״ און אז צוויי נעמען וויינען,
א סימן גוטע ברידער זיי ווערן;
ווען פון די אויגן ס׳נעמט רינען טרערן —
צוויי אמתע שכורים זיי זיינען.

## מען גרייט זיך

גויים גרייטן א בלוט־בלבול,
א גרעסטן, וואס אמאל געוועזן;
די האר וועלן זיך איפשטעלן,
לימים ווען מען וועט עס לעזן —

צומאל די זעקס מיליאן קדושים
א שפילכל וועלן זיין אקייגן!



מען האט געשוויגן אצינדערט
און מען וועט דעמלט ווייטער שווייגן.

בלוט פאר מצות איז גוט געווען
פאר קריסטן פאגראמען צו מאכן!
המניסטן־הומאניסטן
מאסקערירט אין מאדערנע זאכן.

די בלוט־בלבולים נאך געניגט
צו פארטויבן הארמאטן־שאסן;
ווער ווייסט וואס צו טראכטן מען וועט
צו צעשטויבן אטאם־כאאסן.

## א פ י ק ו מ ן

פאר מיין הייליקע שוועסטער צימעלע

גנבעדיק אפיקומן,
באקומען כ׳האב ניסן א שאק;
ווי מזלדיק געוועזן,
ס׳איז דאס גנבהלע מיינס,
געווינען ביי אלע איך האב.

און וואס נישט אלצדינג געשפילט:
אין דריי־ און זעקס געטיילט, און ביטש,
און וויפיל, אלץ נישט פארטיילט —
פול געשטאפטע די טאשן!
און דאס בייכל מיינס פולער נאך.

אליהו הנביא׳ן
ביים סדר איך האב נישט געזען!
„זעסט,״ זאגט צי מיר דער טאטע:
„אליהו הנביא
קיין גנב נישט אנקוקן וויל״.

אבער בשעת דער טאטע,
געשטאנען ביי מיין בעטל איז,
מיין שוועסטערל צימעלע
אפיקומן געגנבעט,
פון אונטער טאטנס הסב־בעט —

מזלדיקער מיין שוועסטער,
דו ביזט געווען מער פון מיר:
אפיקומן גענבעט,
און עלענאווען געזען — —
הייליק זיין האסט זוכה געווען.

## „שיר השירים אשר לשלמה“

טאפנדיק ביי די ווענט,
בלינדע שטן־געשטאלטן,
געקענט דען אן ליבשאפט,
ס׳ביסל לעבן אויסהאלטן?

און די מאמעדיקע,
גלעטנדיקע גוטע אויגן,
ס׳אומבאהאלפענע קינד,
זויגנדיק אויפגעצויגן?

רציחישסטער הינט נאך,
מיט ציינער ווי מסכן,
פיל גוטסקייט ווערט,
גאנצע וועלט צו באגליקן.

ווען נישט לבנה־בליק,
אהבה־סוד געהיימען,
זיך ווארט מיט ווארט ראפטים,
געזאנג גענומען ריימען —

זיך צוזאמענגעגראמט,
געווארקע פון צווי טויבן?
גאנצע וועלט פיל געווען,
מיט ליבשאפט און מיט גלויבן?

## שיר - השירים - כאר

די פינסטערע ערד גרין זי ווערט,
און פול מיט צוויט די צווייגן;
פארשוויגנסטע שוואלב שוין צומאל,
הערט אויף איר ווייאיק שווייגן.



וויפיל ריסן איר הארץ נישט האט,
אין יעדן שטעקט א בלימל,
און א צעבליטס זי הייבט עס אויף,
אויסגעלייטערט צום הימל —

ווי גרויס ס׳שטייט די זון אין צעניט!
ביינאכט צווישן די שטערן,
אין כאר שיר־השירים זינגען,
מען קאן די לבנה הערן.

## אליהו - הנביא געוויין
„קח נפשי כי לא טוב אנכי מאביתי“

. . . פיר הונדערט פופציק בעל־נביאים דאס לעבן
ווילק געווען עס אוועקצוגעבן — —
וויאזוי מיטן שכל דאס צו דערגיין?

א געץ זיי אליין האבן געטון מאכן,
מיט האמער אויסצעשען, מיט דלאט אויסשטאכן,
א בלינדן, שטומען אפגאט פון מירמלשטיין.

ווי זיי האבן געטאנצט צו אים, געשפרונגען,
טיף פון הארצן געשריגן, געזונגען — —
צו א שטיק שטיין! וויאזוי דאס צו פארשטיין?

צו זיינע פיס אצינד באזיגט זיי ליגן,
זיין געמורמל אבער קיין זיגער־ניגון,
פון זיין הארץ ארויס זיך רייסט א גרויס געוויין:

„זיינען מיינע אבות אנדערש געווען?
און איך, וואס דעם „לא תרצח“ שוין געלעזן,
געהרגעט האבן מענטשן, ביין פון מיין געביין.

דער בלוט־רויטער טייך קישון, מיט זיין ציש,
וואס כ׳זע און הער איצט, קיינמאל נישט פארווישן —
אייביק פאר מיין בליק דאס בלוט־באד עס וועט שטיין!

די גסיסה־געשרייען תמיד איך וועל הערן,
אין אן איינציקער רגע ס׳וועט נישט אויפהערן —
נאך העכער דער צער געקריץ פון מיינע ציין!

אויב גאָטס וואָרט אין מיין האַנט אַ שווערד געוואָרן,
אַזוי ווייט געקאַנט דערגיין אין מיין צאָרן,
וויל איך מער, קאָן איך מער קיין נביא נישט זיין.

ווי ווייט מיינע פיס נאָר וועלן דערטראָגן,
אַנטלויפן — גאָט אַליין מיך נישט דעריאָגן!
טיף אין מדבר זיין אַ שטיין צווישן געשטיין.

וואָס אין ווייטן, וויסטן וואַנדער כ'וועל עסן?
די וואָראַנעס וועלן אין מיר נישט פאַרגעסן!
מיין ביטער געוויין צו טרינקען זיסן וויין.

מיטן געציש פון גרויל-גיפטיקע שלאַנגען,
זינגען זיס-זאַנפטיקע, זאַפטיקע געזאַנגען —
בעסער ווי מענטשן ז'וועלן גאָטס וואָרט פאַרשטיין"—

* * *

זידיק רינען טרערן פון זיינע אויגן,
פייערדיקער וואָגן ווייט-ווו געפלויגן — —
אַן איינציקע רגע נישט צו בלייבן שטיין.

אַזוי-אַ לויפט ער שוין יובלען מיט יאָרן,
פאַר זיין לויטערן בליק זיין ציל זיין קלאָרן,
מדבר-אויס מדבר-איין איינער אַליין — —

ביז זיין שווערד אין אַ שופר פאַרוואַנדלט ווערן,
פון עק ביז עק ערד זיין קול דערהערן:
„הערט, דערלייזט ס'ווערט די וועלט! משיח קומט צוגיין.

## דער מרה-שחורה געוואָרענער ר' סעדיה גאון

ער איז צוריקגעקומען דער גאון,
פאַרן ריש-גלותא געבייגן דעם קאָפּ;
פון זיין מויל מען הערט נישט מער קיין וואָרט,
פון זיין האַרץ נאָר אַ זיפץ, אַ שווערן סאָפּ.

ווען זיין געדאַנק בליצט אויף אין זיין מוח
איז ער בלאַנק-געשליפן, אַן פגימה שאַרף;
שטייט ער אין תפילה שטילינק פאַר גאָט,
איז ער אַן אַכט-סטרוניקע תהלים-האַרף.



נאָר טיילמאָל מיטן זיין פלינקן גאַנג
בלייבט ער שטיל שטיין מרה-שחוריק פאַרטראַכט,
אַהין און צוריק שווער-שפּאַנענדיק
אין אַ ווילדן וואַלד אין אַ צעבליצטער נאַכט:

איז עס די תורה, וואָס האַלט צוזאַם
דעם נצח-ישראל חי וקים
אָדער ס'משיחות-מלכותדיקע,
וואָס לעבט אין גלות מיט אונז עד-היום?

דעם סוד-היסודות צו דערגיין,
ער שפּירט ס'רירט זיך אים דער מוח אינם קאָפּ,
און פון דער העכסטער, ליכטיקסטער הויך,
אין פינסטער טיפסטן גרוב ער פאַלט אַראָפּ.

אַזוי בלייבט ער אַ פאַרשטיינטער שטיין,
אַן עמוד-הברזל, אַ מאַרמאָר-זייל:
„דוד מלך ישראל חי וקים"
שטילינק-שעפּטשענדיק, „כי עמנו קל".—

אַזוי-אַ שטייט ער פון דעמלט אָן,
מיט שטילקייט אין זיין פאַרגליווערטן בליק:
צוויי שווער-טאַפּנדיקע שריט פאַראויס
און איין ציטערדיקן טראָט אויף צוריק.

* * *

זייט צוריקגעקומען ער איז נאָך
פומבדיתא, דער זעלבער ער איז נישט מער,
און קוקט ער ווען אַן, איז עס פונקט
ווי געזען ער וואָלט יענעם דורך אַ טרער.

## שלש עשרה מידות של רחמים

מיר האָבן אין יידיש
נישט פאַרלוירן גאָט — —
באַטרעפט דען נישט דאָס וואָרט
גאָט, איינציקער — אחד?

נישט מזלדיקע צאָל!
וואָס פונקט דרייצן באַטרעפט — —
דערפאַר ס'איז דאָך אָבער
וואָס מיט גאָט אונז באַהעפט.

די שלוש עשרה מידות
של רחמים — אין אחד!
פון אין־סופיקייט דאך
דער סוד און דער יסוד.

„אין מזל לישראל״!
און גאטס מזל דער ייד — —
„וועלן מיר נישט זיין, הערט
ער אייך אויף״ — גאט באהיט.

דערפאר שם הויה —
אהבה טאפלט פונקט!
צומאל גאטס אש־להבה
מיט גרויס רחמים צעפינקט.

## „נישט פארגעסן און נישט פארגעבן!“

(35'סטע יארצייט — 19'סטער אפריל)

איבער טויזנט יידישע שטעטלעך עוקר מן השורש געווען! יונג און אלט, קינד און קייט פארלענדט—געהרגעט, פארברענט, פארגאזט אלע מיתה־משונה־יסורים אנגעטון.

6,000,000 יידן געמארדעט! לעבעדיקערהייט אין מאסן־קברים באַגראבן; דאס האב און גוטס צוגערויבט, פון די מענטשלעכע לייבער זייף געמאכט—דאס זויבערע דייטשע פאלק.

אויב מיר וועלן פארגעסן דאס, וואס זיי, די גערמאנישע אומה האט מיט אונז געטון, זיינען מיר נישט מער ווערט געווען — „זכור את אשר עשה לך עמלק“.

די טויזנט יאריקע אייראפעאישע קולטור האבן זיי פארוואנדלט אין א טויט ציוויליזאציע, דעם מענטש דערנידריקט צו דער נידריקסטער חיה —אויב נישט נאך טיפער.

קינות זאגן, קלאג־לידער שרייבן פון דעם וואס זיי האבן אין חורבן־אייראפע אונז אפגעטון—דער שטן, דער טייפל, דער מלאך המות רייט פון חרפה וואלט דערפון געווארן.

ס'איז די בושה פון דער גאנצער מענטשהייט! און דאס דייטשע פאלק, „די גוטע דייטשן“ האלטן שוין אצינד ביים זיך ריינוואשן מיט די „יידן זייף“ זייערע בלוט־שמוציקע רוצחים־הענט.

זיי, די נאצי־דייטשן, זיי ציען שוין ווידער צו שטריק, גרייטן שוין ווידער די נעצן, שטייען שוין ווידער ביי די רודערס אין אלע שבעה ימים צו ציען.

זייער פראפאגאנדע שמעקט שוין ווידער מיט גאז־קאמער און קרע־מאטאריע־אויוון.



35'סטע יארצייט פון די גבורים פונם ווארשעווער געטא־אויפשטאנד —אונזערע הערצער זיצן נאך זיי שבעה, אונזערע טיף געבייגענע קעפ געדענקן די 6,000,000 קדושים: קיינמאל זיי צו פארגעסן, און די רוצחים קיינמאל נישט צו פארגעבן.

אסתר ערליכמאן

## ווארשעווער געטא!

דער טאג וועט קיין מאל ניט פארגעסן ווערן. מיט 35 יאר צוריק אין דער ערב פסח נאכט, האבן אין ווארשעווער געטא, אפגעהילכט די ערשטע שאסן פון דעם ארגאניזירטן ווידערשטאנד! דער אויפגעברויזטער גייסט, פון מענטשליכע ווירדע האט זיך געראנגלט, מיט דער ווילדער מענטשליכער חיה פון 3'טן רייך. אין דער דאזיקער פרילינג נאכט, האט אויפגעשטראלט די גרויסקייט פון געטא פאלק!

אונזער בלוטיקער ערד מזבח, האט זיך אין יענעם טאג אין אפריל, ארומגעדרייט 25 מאל ארום דער זון, ווען דער קדוש דיכטער יצחק קאצנעלסאן, האט געשאלטן פאר איר ליכטיקן פארראט. די ווארשעווער געטא גבורים, און די אלע העלדישע קעמפער אין אלע געטאס און וועלדער, וואס האבן אן איינזיכט צו באקעמפן די דייטשע הארדעס; יענע אייסטערלישע פסח נאכט וועט בלייבן אויף אייביק פארקריצט מיט גאלדענע אותיות אין דער געשיכטע, ווי די עפאכע פון יידישן גבור, וואס האט געגעבן דעם ליכט־סיגנאל אויפן בארג פון טרויער און פון יידישן פאלק. און עס איז נאך ניט געקומען דער גייסטיקער ריז, וואס זאל זיך קענען דערהויבן צו דעם קלימאקס פון יענער מענטשליכער גבורה, און זיך קענען דערגרונטעווען צו דער טיף פון יענער יידישער טראגעדיע. אבער קיינער קען שוין היינט ניט גענארן. מיר ווייסן שוין צו גוט, אז די אלע פינצטערע נאצי עלעמענטן, וואס קריכן ווידער ארויס פון זייערע נארעס, און מעסטן די ציפער פון יידישן אומגליק, זיינען די פארשאלטענע גלגולים, פון דעם נעכטיקן נאצי, וואס האט געוואלט דערשטיקן ווארשע.

היינט שליסן מיר איין דעם 35'טן טאג אין דערמאנונג פון זייער גבורה זייערעליידן, זייער קדושה. אין טיפן טרויער דערמאנען מיר די אומשולדיקע 6 מיליאן, וואס צווישן אלע האבן געטיילט דעם גורל אונזער פאמיליעס, אונזערע פריינד און חברים, און מיר דערמאנען מיט שוידער די שטעט און שטעטלעך, ווו עס האט געבליט א פילבלוטיק יידיש לעבן. ווו עס איז היינט קיין ייד ניטא. נאר בערגלאך וואס אונטער זיי איז דער ברודער קבר, פון אונזערע טייערע, און ליבע. מיר וועלן זיי ניט פארגעסן.

מיר גיבן אפ אלע קעמפער דעם כבוד פון דערמאנען זיי און צווישן אלע לויכט אויף דער אויפשטאנד פון ווארשעווער געטא!

## צום יארטאג פון אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא

די יארן לויפן אפ גיך איינס נאכן אנדערן און די צייט וואס טיילט אונז אפ פון יענע טעג אין וועלכע עס זיינען פארגעקומען די אויפשטאנדן אין די געטאס און קאנצענטראציע לאגערן האלט אין איין לענגער ווערן. אבער דער קוואל פון אונזערע טרערן ווערט נישט אויסגעטרוקנט, די פיין אין אונזערע הערצער ווערט נישט פארמינערט, אונזערע ליידן ווערן דורך דער צייט נישט פארהיילט און אונזערע הערצער בלייבן אלץ צעבראכן. ווייל די קדושים וטהורים וועמענס אנדענק מיר פייערן דא גייען נישט ארויס פון אונזער דמיון טאג און נאכט. עס מאכט נישט אויס אין וואס פארא אומשטענדן מיר געפינען זיך: אויף שמחות און ביי פארוויילנגען שטייען זיי פאר אונזערע אויגן; זיי זיינען מיט אונז ווען מיר לייגן זיך שלאפן און ווי נאר מיר שטייען אויף פון שלאף און אין דער צייט פון אלע אונזערע באשעפטיקונגען. מיר קענען זיי נישט פארגעסן און מיר וואלטן נישט געקענט זיי פארגעסן אפילו ווען מען וואלטן עס געוואלט. אנו, פרווו פארגעסן אז דו האסט געהאט א טאטן, א מאמען, ברודער, שוועס־טער א ווייב, א מאן, קינדער, משפחה פריינט שכנים און מען האט דיך אפגעשניטן פון זיי, זיי — אומגעבראכט מיט די שווידערלעכסטע מיתות משונות און דיך צעבראכן דאס לעבן אויף אייביק.

ווייל דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא איז געווען פון דעם סאמע גרעסטן פארנעם און האט געדויערט אמלענגסטן, האט ער געהאט דעם שטארקסטן אפקלאנג אין דער וועלט — און מיר פייערן דעם טאג פון זיין אויסברוך. אבער ער איז בלויז געווען איינער פון א סאך אויפ־שטאנדן אין פיל געטאס און קאנצענטראציע לאגערן, און אויך זייער אנדענק פייערן מיר דא.

דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא איז אויסגעבראכן גראד אין דער ערשטער סדר נאכט. דוקא אין דער נאכט, ווען יידן פייערן זייער באפרייאונג פון קנעכטשאפט, ווען אין יידישע היימען לעבט מען איבער די דערהייבנסטע מאמענטן, ווען די אידיליע אין דער משפחה דערגרייכט איר זעניט, האבן די נאציסטישע חיילות ארייננמארשירט אין געטא מיטן ציל פולשטענדיק אומצוברענגען דאס לעצטע ביסל יידן וועלכע האבן זיך נאך דארט געפונען. ד יידן האבן זיך געריכט דערויף און האבן מיט געווער אין האנט זיי מקבל פנים געווען און עס האט זיך אנגעהויבן דער אויפשטאנד וועלכער האט געדויערט זיבן וואכן.

ערגעץ אין דער הגדה זאגט זיך: „און יעדן דור שטייען אויף די וועלכע זוכן אונז אומצוברענגען". זיינען מיר עדות פון פרווון ווידער אויפצולעבן די נאצי באוועגונג. פונקט ווי דאמאלט אין דייטשלאנד, אזוי



איך היינט דא אין ענגלאנד געפינען זיך א פאר האלב געבאקענע אינטעליגענטלעך וועלכע זאמלען ארום זיך די נידריקסטע דעק עלעמענטן פון דער געזעלשאפט און פראפאגאנדירן די „לערע" פון דעם ימח־שמניק, דעם שעפער פון די נאציס. זיי זאגן נאך נישט אויס וואס זיי מיינען צו טון מיט די יידן — זיי גיבן בלויז אנציהערעניש דערוועגן.

דערוויל לענקן זיי זייער גאנצע שנאה אין דער ריכטונג פון די קאלירטע וועלכע זיינען אריינגעקומען אין לאנד אין די לעצטע יארן. אבער יידן שטייען ביי זיי אויף איין ברעט מיט די קאלירטע. דערוויל שטעלן זיי נאך נישט פאר מיט זיך קיין אקטועלע געפאר; קיין אנשפאר אין פאלק האבן זיי נאך נישט; מען הערט בלויז זייערע ווילדע געשרייען. דאס שרייען זיי צו אונז „געדענק וואס עמלק האט צו דיר געטון". אויך זיי לאזן אונז נישט פארגעסן.

יארן נאכאנאנד גייט שוין אן דער רוף צו פארגעסן יענע טעג און אלץ וואס די נאציס האבן אויפגעטון. אין פוילן און אין רוסלאנד ווערט אפילו נישט דערמאנט דער נאמען יידן אין שייכות מיט די מעשים תעתועים פון די נאציס. די פאלאקן האבן אפילו געפרווט זיך צוצואייגענען דעם אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא. און איצט, דעם פארגאנגענעם יאר, איז צוגעקומען א נייע דערשיינונג. פראפעסארן — נישט, חלילה, קיין דייטשן און נישט, חלילה קיין אנהענגער פון די נאציס — דוקא דעמאקראטן — גיבן ארויס גאנצע ביכער אין וועלכע זיי זוכן ריינצוואשן דעם ימח שמוניק, דעם גאנצן שעפער פון די נאציס, וועמענס נאמען עס איז מוקצה מחמת מיאוס אנצורופן דא ביי די זעקס ברענענדע ליכט, אז דאס האט ער „נעבעך" נישט געוווסט אין גאנצן וואס זיינע מיאוסע ברואים האבן אפ־געטון אין די געטאס און קאנצענטראציע לאגערן. ער, הייסט עס, האט קיינמאל קיין באפעל אומצוברענגען די יידן נישט ארויסגעגעבן. דאס אלץ איז געטון געווארן הינטער זיינע פלייצעס אן זיין הסכמה און אן זיין וויסן.

פרעגט זיך: וואס זיינען די דאזיקע „גוט מיינענדיקע" געלערנטע אויסן? גלויבן זיי אז מיט געבן א ליגן א „וויסנשאפטלעכע" אונטערשטי־צונג וועט ער ווערן אויס ליגן? זעען זיי נישט אז מיט פרווון ריינצוואשן אים פון זיינע פארברעכנס העלפן זיי צו פארשטארקן דעם קולט פאר אים צווישן די באנדעס נייע נאציס? אבער אין הארץ אפילו פון א פראפעסאר קען מען נישט אריינקוקן. מוזן מיר כסדר קוקן די דאזיקע ריינוואשער אויף די הענט און אנווייזן אויף די פאלשקייטן וואס זיי פארשפרייטן צי בשוגג צי במזיד.

אבער אין דעם פארגאנגענעם יאר האט זיך אנגעהויבן א נייע באוועגונג צו מאכן אונז פארגעסן. דאס מאל, דוקא, צווישן יידן. אין אמעריקע געפינט זיך א רב — א גדול הדור — וועלכן מען האט אפילו, מיט עטלעכע יארן צוריק געוואלט מאכן פאר הייפט רב אין ישראל. דער, א, רב פארלאנגט אז מען זאל איינגאנצן אויפהערן צו פייערן דעם יארטאג

פון אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא. ער שלאגט פאר אז מען זאל עס פארייניקן מיט תשעה באב. און ער האט געפינען א הייסן אנהענגער דערפון אין דער פערזאן פון דעם איצטיקן פרעמיער פון ישראל, וועלכער האט שוין אויך אריינגעטראגן אן אנטשפרעכנדיקן געזעץ פראיעקט אין דער כנסת דערוועגן. דאס ווילן זיי פשוט איינגאנצן פארלייקענען די יידישע העלדישקייט אין יענעם פעריאד. נישט געווען, הייסט עס, קיין אויפשטאנד און קיין ווידערשטאנד אין די געטאס. ווייל עס האט זיך אנגעהויבן א שטארקער פראטעסט צווישן די יידן אין דער גאנצער וועלט קעגן אזא פארשוועכונג האט מען, דערווייל, דעם ענין אראפגענומען פון דער טאג־ארדנונג פון דער כנסת. אבער בלויז „דערווייל". זיי וועלן זיך דערצו אומקערן א צווייט מאל.

פונקט אזוי ווי די אכזריות פון די נאציס האט נישט אירס גלייכן אין דער גאנצער געשיכטע פון דער מענטשהייט — אזוי האט די העלדישקייט פון די אויפשטענדלער אין די געטאס און קאנצענטראציע לאגערן נישט אירס גלייכן. און מיר טארן נישט דערלאזן אז דוקא ביי יידן זאל זייער אנדענק אפגעמעקט ווערן. די גבורה און קדושה צו וועלכע זיי האבן זיך דערהויבן איז אזוי גרויס אז קיינער קען דאס נישט אפשאצן.

מיר, די דירעקטע אבלים נאך זיי, קומען דא אהער צו די זעקס אנגעצונדענע ליכט, וועלכע סימבאליזירן פאר אונז זייערע אויסגעלאשענע זעקס מיליאן לעבנס און נישט פאראנענע קברים נישט כדי זיי צו לויבן — צו דעם זיינען מיר נישט ראוי — נאר כדי זיך אליין צו דערמאנען זייער ליכטיקן אנדענק און אויסצוגיסן אונזערע הערצער איבער דעם אומגליק וואס עס האט אונז געטראפן סיי אלס א פאלק סיי אלס יחידים.

דא דערמאנען מיר דעם אנדענק פון די אויפשטענדלער אין ווארשעווער געטא און אין אלע אנדערע געטאס; די אויפשטענדלער אינם קאנצענטראציע לאגער און טרעבלינקע און אין אלע אנדערע קאנצענטראציע לאגערן. מיר דערמאנען דעם אנדענק פון אונזערע טאטעס און מאמעס אונזערע ברידער און שוועסטער, אונזערע פרויען, אונזערע מענער, אונזערע פריינט אונזערע שכנים — אלע די וועלכע שטעלן צונויף די ענדלאזע רשימה פון זעקס מיליאן פרויען, מענער און קינדער — א גאנצער מיליאן קינדער — וועלכע זיינען אומגעבראכט געווארן דורך די נאציס מיט די שוידערלעכסטע מיתות משונות בלויז דערפאר ווייל זיי זיינען געווען יידן. מיר דערמאנען דעם אנדענק פון דעם קדוש ארטור זיגלבוים, וועלכער האט, דורך אומברענגען זיך אליין אויף זיין אייגענער עקדה, זיך אריינגעגלידערט אין דער מחנה אויפשטענדלער.

מיר דערמאנען דעם אנדענק פון די ציגיינער וועלכע זיינען אומגעבראכט געווארן אויף דעם זעלבן אופן און פונקט אזוי אומשולדיק.

און זאל אונזער אייגנארטיקער קבר אבות דא זיין א רוף צו דער וועלט נישט צו פארגעסן און נישט צו דערלאזן צו אן איבערחזרונג דערפון.



# יצחק נתני ע"ה

— צום אנדיינק פון א גוטן פריינט —

מיטן טויט פון יצחק נתני איז פון אונז אוועק א מערקווירדיקער מענטש, א טייערער ייד און א געטרייער פריינט.

יצחק נתני איז געבוירן געווארן אין בענדערי, בעסאראביע. ער האט גענאסן פון עטלעכע קולטורן: יידיש און העברייאיש, רוסיש, דייטש אין די בערלינער יארן, און צום סוף ענגליש. ער איז געווען אין פארשיידענע צייטן א חלוץ, א לערער, און סוף כל סוף אן אדוואקאט און דער יורידישער ראטגעבער פון אן אינטערנאציאנאלער פירמע. אין אלע יארן איז ער געבליבן א יידישער ייד און א נאטירליכער ציוניסט. אפשר וויכטיקער פון דעם אלעם: ער איז געווען וואס די ענגלענדער רופן א מאן און א ברודער, אדער אין אונזער לשון: אן אייגענער מענטש.

יצחק האט געהאט א שארפן סאציאלן געוויסן. אזא געוויסן צוזאמען מיט א נאטירליכן ציוניזם שאפן א ציוניסטיש־סאציאליסטישע סינטעזע. עס איז געווען נאטירליך אז ער זאל זיין צווישן די גרינדער פון מפ"ם, זייער בריטישער פארזיצער און שפעטער פרעזידענט, און א פירער פון זייער וועלט־ארגאניזאציע. אבער אן עקסטרעמע ציוניסטיש־סאציאליסטישע פאזיציע האט אים ניט אפגעזונדערט פון חברים און פריינט מיט אנדערע השקפות. ער האט געהאט א סך טאלעראנץ און מענטשן־ליבע.

זיין בייטראג איז געווען ניט קיין קליינער אויף עטלעכע געביטן: ציוניזם, דער יידישער וועלט־קאנגרעס, די באארד־אף־דעפיוטיס, דער ציוניסטישער אקציאנס־קאמיטעט, פריער אלס געוויילטער מיטגליד און שפעטער אלס וויריליסט.

מחוץ פון די דאזיקע טעטיקייטן איז יצחק (אדער איסאק מאיסעוויטש, ווי די רוסישע חברים פון אמאל פלעגן אים רופן) געווען א מענטש פון טיפער יידישער און אלגעמיינער קולטור, זייער גוט באלעזן, און א שפראכן־קענער. ער האט געהאט א נאטירליכע שפראך־קולטור און גערעדט פינף שפראכן עלעגאנט און פליסיק. ער וועט אונז אלעמען פעלן. זיינע נאענטע פריינט — צווישן זיי דער שרייבער פון די דאזיקע שורות, האבן איצט א בלויז אין זייער לעבן.

אין אונזער אלטן נוסח: שלום לעפרו והלוואי שנבדל כולנו לחיים ארוכים וטובים. זאל אים גרינג זיין די ערד און מיר זאלן אלע זוכה זיין צו לאנגע און גוטע יארן.

ש. גאלדשמידט

ביי דער לויה פון יצחק נתני ע"ה איז געווען א גרויסער עולם, אויך א סך פון די געוועזענע תלמידים פון די יידיש־שולע ביי ארבעטער־רינג ווו ער איז געווען דער פירער פון שול. מספיד געווען דעם נפטר האט דר. לעווענבערג.

אייזיק גאלדבערג

## — יוסף שמעון וויינשטיין, ע״ה —

אז מען דערמאנט זיך וועגן יוסף שמעון וויינשטיין, וועלכער איז אוועק אין דער אייביקייט, ווערט עפּעס אזוי פּוסט אויף דער נשמה.

מיר האבן נישט אסך אזעלכע הארציקע ווילע יידן וועלכע שטייען אויף אזא אלזייטיק גייסטיקן ניוואָ און זענען אזוי פּשוט. ער האט געשטאמט פון א רבנ׳אישער יחוס׳דיקער משפּחה פון מזרח אייראפּע. א זון פון ר׳ שמעון וויינשטיין, געבוירן אין קאירא (עגיפּטן) אליין געווען א יודע־ספר, גוט בהבנט אין יידישע ענינים, דערצו געהאט א מאדערנע בילדונג, שטודירט אלס אדוואקאט באהערשט עטלעכע שפּראכן, יידיש, העברעאיש, אראביש, פראנצויזיש, דייטש ענגליש אבער זיין מאמע לשון יידיש איז ביי אים געווען טייער און הייליק.

לעבעדיק אין קאירא, א צייט מיט יארן, איז ער געווען א כלל־טוער אין דער אשכנזי׳שער קהלה, געווען פּרעזידענט פון דערציונג און אנדערע אינסטיטוציעס, זער פיל זיך געווידמעט פאר יידישע קולטור, פּרעסע, טעאטער יידיש לשון, א.א.וו.

פון קאירא איז ער געקומען נאך לאנדאן אין 1959, אלס עגיפּטישער פּליט, אלעס פארלוירן, אויך מיט א צייט צוריק פארלוירן זיין פרוי, געפירט דא א פאסיוון לעבן, זיך אויסגעלעבט אין יידישע קולטור קרייזן. טראָץ דעם וואס ער איז געווען טראדיציאנעל רעליגיעז איז ער אויך געווען א וועלטלעכער ייד, לאיאל און פארשטענדלעך, מיט אים צו דיסקוטירן איז געווען א נחת־רוח. טיילמאל האב איך אים אויך באגעגנט אין קריקלוואד־סינאגאג, ווארם ליין. אימעטום האבן מיר גערן דיסקוטירט איבער פארשידענע פראגן און פּראבלעמען.

לעבעדיק אין לאנדאן האט ער געשריבן אין די יידישע צייטונגען פון פאריז, אמעריקא, קאנאדע, ישראל באזונדערס דא אין לאנדאן האט ער אפטמאל געשריבן אין זשורנאל „לשון און לעבן״, רעדאגירט פון א. נ.שטענצל. גראד אין לעצטן נומער האט ער אין זיין ארטיקל — פון מיינע זכרונות — וועגן שלום עליכם, באשריבן וועגן זיין לעבן און יידישע קולטור־טעטיקייט אין קאירא, אויך האט ער אפטמאל געשריבן אין די לאנדאנער יידישע צייטונג „דאס יידישע פאלק״ רעדאגירט פון י. א. ליסקי.

י. ש. וויינשטיין איז אפטמאל געקומען צו די „ליטערארישע שבת נאכמיטאגס״. אויך צו די „לעבעדיקע יידישע צייטונג״, פון יוסף פרענקל. אויך ביי פארשידענע ציוניסטישע מיטינגען א.א.וו.

אים איז געווען פרעמד די נייע טעאריע, א יידיש־לשון, יידישיזם, איז א פרעמדער צווייג וואס האט נישט צו טון מיט „יידישקייט״. ביי אים איז יידיש, העברעאיש, רעליגיע, טראדיציע ציוניזם בונדיזם ליבע־



ראליזם און דערגלייכן, אלעס געהערט צו „יידישקייט״!

ער איז געווען א לאיאלער ייד, ווי מען זאגט מיט הארץ און נשמה..

די לעצטע יארן האט ער זיך געפילט שוואך און קראנק, אזוי האט ער באשלאסן ארייננצוגיין אין דעם אלטערס־היים—רידלעי דזשעקאפּ־הויז— איידער ער איז אריין האט ער נאך געמאכט א נסיעה קיין ישראל, די לעצטע פאר יאר וואס ער האט פארענדיקט אין דעם היים, האט ער זיך דארט קונה־שם געווען מיט זיין טראדיציאנאלע און קולטורעלע טעטיקייט אויף דעם יידישן געביט, די אלע פון דעם היים, וועלן אים צום גוטן געדענקען.

עס איז דא נישט א פראגע וועגן נאכזאגן שבחים. אבער דעם גרעסטן שבח וואס מען קאן נאכזאגן דעם נפטר, איז, אז ער איז געווען אין זיין באנעמען, א היימיש פּשוט׳ער ייד, אזוי ווי ער וואלט געקומען פונם יידישן שטעטל . .

כבוד זיין אנדענקן!

עלא זילבערג

## יום העצמאות

ווידער מיר גרוסן,
דעם טאג פון באפרייאונג,
דעם טאג פון יום העצמאות
און שטייען אין וואונדער,
פאר אונזערע גבורים,
די העלדן פול כוח און מוט.

יעדע שטיקעלע לאנד,
יעדעס בלימל און בוים,
פון זאמדיקן נגב געוואונען,
געקליבן די שטיינער,
מיט בלוטיקע הענט,
זייער שווייס ווי וואסער גערונען.

דאס זיינען די קינדער,
פון אידישן פאלק,
חלוצים וואס גיבן דאס לעבן.
צו בויען און פלאנצן,
צו לעבן אין רו,
און ווייטער פאר שלום צו שטרעבן.

מיר האבן א היים,
מיר האבן א לאנד,
מיר ווייסן וואו מיר געהערן.
ניט וואנדערן מער,
ניט ווערן פארשעמט,
געטריי צו ישראל מיר שווערן.

## פ ר י ל י נ ג - ר ע ג ן

צארטער פרילינג־רעגן,
איינגעהילט אין שטראלן,
ווי גרויסע בריליאנטן,
צו דער ערד זיי פאלן.

עפענען זיך שפראצן,
ווי עופאלעך צום נערן,
זאפן איין די טראפנס,
צו זייגן באגערן.

באדן זיך די פייגל,
אין דעם פרילינג־רעגן,
ווי צילאזענע קינדער,
לויפן זיי ענטקעגן.

וואשן זיך און פוצן,
צוויטערן און טרילן,
און אין קאראהאדן,
זיי צוזאמען שפילן.

מעלקט זיך זאנפט דער רעגן,
ביז די וואלקן זיך פארציען
און די זונענשטראלן,
נעמען ווידער גליען.

א. נ. שטענצל

## ע ר ב - פ ר י ל י נ ג 1978

די נעכט מרה־שחורהדיקע אזוי,
גוט וואס הימל מיט וואלקנס פארצויגן —
אז פון די שטערן נישט ארויסלייענען
מיט טרערן טריפנדיק פארוויינטע אויגן.



דער קלאנג פון די גראמען מיך אויפגעוועקט,
מיך נישט אויפגעכאפט און זיי פארשריבן —
גאנצע טעג דערנאך טרויעריק געוועזן,
פארביסן, א הונט ארומגעטריבן.

1

וועט עס מיר נאך באשערט זיין
צו זען ווי ס׳צוויטן די צווייגן,
הערן ס׳געטוויטשער פון שוואלבן,
פון צוויי פארליבטע דאס שווייגן?

איך׳ס נאך כאטש באגראמען קענען
מיט פשוטע מיינע ווערטער?
פרילינגדיק פרישע געפינען,
שוין אזא צער־פארצערטער?

זיצן אין גערטנדל צעצוויטס,
הימל אדורכזיכטיקער, בלויער?
כ׳וועל מיך דאך שעמען פאר אים:
קיין פריש ווארט צומאל פאר מיין טרויער.

מיט וואס די זון באגעגענען,
מיט טרערן טרינקען לחיים?
אפשר ווען זי דערזען מיין הארץ
מיט ווערטער זי מיך באנייען?

איפלייכטן עס וועט מיין טרייער,
מיט גוטסקייט אין מיינע אויגן,
און פאר גרינגסטן גרינענעם גרעזל,
פאר גאטס נס שטיין כ׳וועל געבויגן.

2

ס׳גלאצן די אויגן
אויף ליידיקע ווענט;
דרויסן דער הימל
א גרויקייט אן ענד.

וואינם ווינקל דא
פון וועם דאס געשארך?

ניין, ס׳איז דאס טיאכן
אין מיין הארץ דאך, הארך.

איז ביי דער טיר ווער,
הער, ס׳קלאפט אן אויפהער;
יא, פון מיין אויג ס׳פאלט
א טרער נאך א טרער.

ס׳פאלן די אויגן
פון מידקייט מיר צו — —
אפשר אין חלום
דערבליקן וואס וואו.

3

אז אויסהאלטן נאך א יואך, נאך א חודש,
ס׳וועט שוין וועלט און מענטש אנדערש נישט ווערן;
אלצדינג עס וועט זיין אזוי ווי געוועזן —
ס׳נישט־גוטע אין מיר אויך נישט אויפהערן!

דאס אויפדרייען פונם גאז־קראן אצינדערט,
דאך נאר זיין א זשעסט זיך צו באווייזן;
בעסער אויפזידן א גלאז טייביים פלעמל,
גראמען נאך א ליד פון מענטש דערלייזן.

א, ווי ס׳שטראמט־גראמט זיך מיר שוין פון זיך אליין,
כ׳דארף אפילו דעראין נישט צו גלויבן;
א זשעסט! ס׳איז נישט בלויז פאר יענעם, פאר מיר שוין,
מיך אליין פארשיכורן, באטויבן.

4

אז וואס האב איך שוין צו פארלירן?
א חודש שפעטער א יאר פרי׳ר —
קיין קריעה־רייסן ס׳ברויך נישט קיינער
מיין הארץ שוין צעריסן אין מיר.

אז וויניקער א לידל מה בכך?
איך מאך דאך מיר אליין שוין נאך!
מילא, אנדערע — — אבער זיך אליין?
עס גיט אן הארצן אזא שטאך.



5

דאך גוט, אז מיין טרער
נישט צעשפיגלט מער,
קיין ווארט דערפון ווערט — —
אויס און אויפגעהערט.

## „ואם אלף שנים כי יחיה"

וואס דאס גרינסטע גרעזל, צארסטע בליט,
רייז אין סודותדיקן פלאם צעבליט?
וואס דאס געטשיווטש פון שוואלב אין געצווייג
אקייגן דעם פארטיפטן געשווייג —

אין טיפסטער אין־סופיקייט פארקלערט,
וואו „ס׳ווערן" א רגע נישט אויפהערט,
גארנישט דו ווילסט און גארנישט באגערסט,
כסדר אן אויפהער ווערסט און הערסט —

ווערסט צו הערן נישט מיד! ווי שטילינק — —
און אלץ פארטיפטער דו דיך פארקלערסט.
דערגיין אלץ צו דערגיין — צו פארשטיין,
אליין שוין ס׳פארשטיין — השגה זיין.

וואס פון גרויען דערגיין די פאר יאר
קייגן אין־סופיקן גאר און גאר?
און דאס גרויס־ווארט ס׳דאכט זיך מ׳זאגט!
פון לעצט־טראפ בלוט קינדיש אויסגענאגט?

* * *

אזוי לאנג אזש ביז עקל שוין,
נאך וואס־זשע דען לעבן געבליבן,
אויב נישט מיט לעצטן בלוט־טראפ נאך
ס׳זאל ווערן אלץ גענוי פארשריבן?

גאנצער עקל און לעצטער שטאלץ,
וואס אין הארצן זיך אנגעקליבן,
א וואקלדיק צוויי־פיסיקן
אין וויסטער וועלט ארומגעטריבן.

„ואם אלף שנה כי יחיה"
און טאג און נאכט רק בלויז געשריבן — —
א גאט, נישט דאס גאר ריכטיקן
דו האסט דיר דערצו אויסגעקליבן.

א הארץ וואס אזוי שוין פארשטיינט,
און איינגאנצן אויף שטויב צעריבן — —
וואסער נוצן קאן עס נאך ברענגען?
א סטויג פון ווינט געיאגט, געטריבן.

הערי אריעל

## מאיר צעלניקער

מאיר צעלניקער איז געבוירן געווארן אין יאר 1898 אין כאטשין, א קליין שטעטל אין בעסאראביע. א זון פון ארימע עלטערן, האט ער פארלוירן זיין פאטער ווען ער איז נאך א קליין קינד געווען. זיין מוטער מיט די פיר קינדער איז געפארן קיין פראגע, א פארשטאט פון ווארשע. אלס קינד איז ער געווען א משורר אין שוהל. ער האט אנגעהויבן שפילן קינדער־ראלן אין קאמינסקא׳ס טעאטער און אין דער טרופע פון דעם בארימטן דירעקטאר קאמפאניעיץ. ווען ער איז אלט געווארן 16 יאר און זיין משפחה האט זיך אריבערגעקליבן קיין אדעס, האט ער געמאכט זיין דעביוט אויף דער רוסישער בינע. דאן זיינען געקומען די שטורמישע צייטן פון דער רוסישער רעוואלוציע, די געפערליכע יארן פון פאגראמען, מלחמה, הונגער און נויט. עס איז אבער באשערט געווען אז צעלניקער זאל דאס אלץ איבערלעבן און פון דאמאלט ביז די צווייטע וועלט מלחמה שפילן יידיש טעאטער איבער דער גאנצער וועלט.

אלס יונגער אקטיאר האט ער געשפילט מיט די גרעסטע קינסטלער פון יענער צייט. מיט ערנסטע אקטיארן ווי פאול באראטאוו, יעקב בן־עמי, בערטא גערסטען און אמעריקאנער אפערעטע סטארס ווי מאלי פיקאן, היימי און ערווינג דזשייקאבסאן, די משפחה שטראמער און אנדערע.

אין לאנדאן האט ער אויפגעטרעטן צום ערשטן מאל אין יאר 1927 מיט דזשאזעף קעסלער אין פאוויליאן טעאטער, געפארן אויף גאסטשפילן קיין דרום אפריקא און צוריקגעקומען קיין ענגלאנד ווען עס האט אויסגעבראכן די צווייטע וועלט מלחמה אין 1939. זייט דאן איז צעלניקער געווען הויפט אקטיאר, אנפירער, רעזשיסאר און איניציאטאר פון א בעסער יידיש טעאטער אין ענגלאנד, ווי „דאס יידישע נאציאנאל טעאטער", שפעטער „דאס יידישע פאלקס טעאטער" וועלכעס איז אנערקענט און געשטיצט געווארן פון „די ארטס קאונסל". אפילו מוזיקאלישע קאמעדיעס פלעגט ער דערהויבן צו א גרויסע קינסטלערישע מדרגה. הארנדארף׳ס „דער קעניג





מאיר צעלניקער

פון לאמפעדוזא" איז געשפילט געווארן אין לאנדאן ניין חדשים צייט. די ענגלישע פרעסע האט זיך צושריבן וועגן דעם ווי וועגן א „מייסטערווערק"; עס זיינען געקומען זען די פארשטעלונג די גרעסטע פערזענליכקייטן און מיטגלידער פון דער רעגירונג.

צעלניקער האלט אז זיין ווערסיע פון „שיילאק" איז די גרעסטע דערגרייכונג אין זיין קאריערע אלס אקטיאר און ווען מען האט אים פארגעלייגט צו שפילן די ראלע אויף דער ענגלישער בינע, האט ער אפגע־זאגט, ווייל זייער אינטערפרעטאציע פון דעם ווערק איז אים נישט געפעלן. וועגן ראבערט אטקינס׳ יידישע אויפפירונג פון שעקספיר׳ס „קויפמאן פון ווענעדיג" האט דער ענגלישער קריטיקער בעווערלי באקסטער געשריבן: „מאיר צעלניקער אלס שיילאק, רעדנדיק די זעלבע ווערטער וואס שעקספיר האט אנגעשריבן, האט דאמינירט די סצענע און געריכט, געזיגט

איבער פארשיא און אירע פריינט . . . געמאכט דעם איינדרוק פון א ייד וועלכן עס איז שוין נמאס געווארן צו הערן די ווערטער פון די קריסטן וועגן זייער שטאלץ, אז ער האט זיי אויף א שפאס איבערגעשראקן אויס־צופירן די קאנדיציעס פון דעם קאנטראקט . . . נישט נאר האט פארשיא קונציג ארויסגעדרייט אנטאניא פון זיין אפמאך, נאר זי האט נאך אן רחמנות, צוזאמען מיט אירע פריינט, שיילאקן רוינירט . . . אומזיסט האט ראבערט אטקינס געוואלט אז צעלניקער זאל שארפן דאס מעסער אויף די זויל פון זיין שוך . . . צעלניקער האט דאס מעסערל אוועקגעלייגט און ארויס פון געריכט מיטן קאפ אין דער הויך . . . ער איז געווען דער איינציקער ערליכער מענטש אין דעם פלאץ . .“. אזוי אז מיר פארשטיין שוין פארוואס מען האט אים נישט געוואלט דערלויבן צו געבן די אינ־טערפרעטאציע אויף דער ענגלישע בינע. אן ענליכע געשיכטע איז געשען מיט טאפאל. נאך זיין גרויסן סוקסעס פון „א פידלער אויפן דאך“ האט מען אים פארגעלייגט צו שפילן „שיילאק“ אין טשיטשעסטער. ער האט געגעבן א קורצן ענטפער: „ניין, א דאנק, איך שפיל נישט אין קיין אנטי־סעמיטישע ווערק . .“.

די קאריערע אויף דער ענגלישע בינע האט אבער נישט אויסגעמיטן מאיר צעלניקער און אין סעפטעמבער, 1949 האט זיך פאר אים געעפנט די גאלדענע טיר פון סוקסעס אלס סטאר אין ענגלישן טעאטער אין דער פארשטעלונג „די גאלדן דאר“. אזוי גרויס איז געווען זיין דערפאלג אז מען האט אים פארווארפן מיט ארבעט אין טעאטער, פילם און שפעטער טעלעוויזיע. דאס ענגלישע טעאטער האט געפינען א גרויסן טאלענט און דאס יידישע טעאטער האט פארלוירן א גרויסן כאראקטער שוישפילער, וואס פלעג זיין א כח פארן יידישן ווארט אין דער יידישער קונסט. אונזער „מאיר׳קע“ פלעג אלעמאל זאגן: „איך שפיל טאקי אויף ענגליש אבער מיין נשמה און מיין הארץ איז מיט אייך, מיינע חברים יידישע אקטיארן. .“ און מיר זיינע „חברים יידישע אקטיארן“ האבן דורך די 29 יאר וואס זיינען זייט דאן פארביי זיך געפרייט מיטן דערפאלג פון אונזער חבר מאיר צעלניקער און זיך געטרייסט דערמיט וואס דאס יידישע טעאטער איז נישט געבליבן אינגאנצן אן א צעלניקער . . . זיין טאכטער חנה, וועלכע האט אויך געמאכט א קאריערע אין ענגלישן טעאטער און געשפילט אין „בליץ“ פון לייאנעל בארט און „א פידלער אויפן דאך“ געשטיצט אויף שלום עליכם׳ס „טביה דער מילכיקער“ און אין אנדערע אויפפירונגען אין ענג־לישן טעאטער און טעלעוויזיע, קומט אלעמאל צוריק צו אונז, ווייל זי פילט אז יידיש פארנעמט דאס ערשטע פלאץ אין איר לעבן און זי קעמפט צוזאמען מיט אונז יידישע אקטיארן פאר דער עקסיסטענץ פון דעם יידישן ווארט.

מאיר צעלניקער ווערט איצט 80 יאר און מיר דערמאנען זיך די ווערטער וואס דער שרייבער ש. י. הארנדארף ע״ה האט געשריבן וועגן אים מיט



א סך יארן צוריק צו זיין 35 יאריקן בינע יובל: „מאיר צעלניקער, דער פון גאט געבענשטער בינע־קינסטלער, וועמענס אלזייטיקער טאלאנט שפראדלט ווי פון א פריידיקן קוואל, גלויבט נישט אז ער איז דער לעצטער מאהיקאנער ביים יידישן טעאטער עמוד. ער פלאנט צו מאכן טורנעען איבער פארשיידענע לענדער, כדי צו באווייזן דער וועלט אז יידיש טעאטער מוז עקזיסטירן, ווייל אן יידיש טעאטער וועט די וועלט נישט האבן קיין קיום . . . עס קאנען נישט עקזיסטירן קיין יידן אן זייער שפראך און קולטור!. .“ און מאיר צעלניקער האט זיינע פלענער פארווירקליכט. ער איז ווידער געפארן קיין דרום אפריקא און געשפילט „שיילאק“ און אנ־דערע קלאסישע ווערק, ער איז געפארן קיין דרום אמעריקא, קיין ישראל און געשפילט יידיש טעאטער און נאר צוליב זיין געזונט צושטאנד געמוזט אויפהערן צו ארבעטן אזוי שווער.

מיר, די יידישע אקטיארן אין לאנדאן, צוזאמען מיט די ליטעראטן און אלע פריינט פון יידיש, ווינטשן מאיר צעלניקער געזונט צו זיין 80 יאריקן געבורטסטאג און א סך גליקליכע יארן צוזאמען מיט זיין פרוי, קינדער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך ווייל אזוי לאנג ווי ער איז צווישן אונז בלויז מיט א ווארט, אנ׳עצה, א קאמפלימענט . . . גיט עס אונז שוין כח און אינספיראציע אין אונזער ווייטערדיקע ארבעט.

שיע טענענבוים

## די קאליר פונם כוס מיט וויין

### ספעציעל פאר לשון און לעבן

די פלאמיקע קאליר פונם גאלדענעם כוס מיט וויין, וואס א יונגע פרוי האט מיר צוגעטראגן ווי א מלאך צו מיינע ליפן, האט מיך באוויישט און פארכישופט, נישט אזוי שטארק ווייל עס האט מיך געמאכט שיכור, נייערט ווייל די בלוטיקע קאליר פונם געטראנק איז אפשר נאך שטארקער און שטראלענדער געווען ווי א קליינער שטראל פונם טרויעריקן פייער פון דעם זון־אונטערגאנג, אין וועלכן די פרוי איז געווארן איינגעהילט און שכור און האט מיך געקושט אין יענעם פארנאכט נאך רייצנדיקער ווי בשעת איר גאנץ לעבן פון ליבע, תאווה און ראמאנטיק . . .

יעקב מעללער

## צא ולמד — אנוואר סאדאט . . .

א היינטיקער פסח־מאטיוו)
ספעציעל פאר „לשון און לעבן"

קום אהער דו היינטיקער פרעה,
זעץ זיך אוועק ביי ישראל סדר־טיש.
קוק גוט אריין אין דער הגדה — און לערן,
פון דעם אמאליקן פרעה — די געשיכטע מיש . .

ווועסטו לערנען וואס ס'איז געשען אמאל,
אין דער פיראמידן־לאנד מצרים.
געדריקט האט דאן פרעה, זיינע אידן,
האט ער באקומען זיין שטראף — מן השמים . . .

צען מכות, איינס שווערער פאר דער צווייטער,
האט פרעה און זיין פאלה ארייגעקריגן.
פארוואס ער האט, ג־ט'ס — „שלח את עמי" —
ביי יעדער מכה, הארט־הארציק פארשוויגן . . .

זיי וויסן סאדאט — וואס עס ווערט געזאגט,
מעשה אבות סימן לבנים, אלס יורש פון פרעה'ס משפחה,
פאר דיין דריקן ישראל מיט דיינע באדינגונגען,
ווועסטו באצאלן דיין שטראף, לויט דיין מערכה . . .

איז צא ולמד סאדאט, אויך אלע וועלט פרעה'ס!
די אמאליקע געשיכטע פון עבר, וואס פארביי.
וואו זיינען די פעלקער, פון דעם גאר אמאל?
ווישראל סבא, ומדינת ישראל — חי!

סעם גאלדבערג

## אן אנטאלאגיע פון דער יידישער ליטעראטור

— פאר דער יוגנט, צווייטער טייל, צונויפגעשטעלט פון דעם אומ־דערמידלעכן קינסטלער, חיים בעז און ארויסגעגעבן פון שול־צענטער ביים אלוועלטלעכן „יידישן קולטור־קאנגרעס" תשל"ו־1976, אין אנדענק פון ציליע און שמעון יעזשאר, ע"ה, שלמה מענדלסאן־פאנד, מעקסיקע—.



די דאזיקע זער וויכטיקע אנטאלאגיע אין דער יידישער שפראך הייבט זיך אן מיט א ליד פון אנזער גרויסן פאעט אברהם רייזין: „ווער העלפט דיר שאפן דיינע לידער?"

חיים בעז, זייענדיק א דעלעגאט אויף דער ירושלימער קאנפערענץ, האט דארטן געהאלטן א רעפעראט ביי דער סעקציע, געווידמעט „יידישער דערציִונג". אט דעם רעפעראט געפינען מיר געדרוקט אין זשורנאל „צו־קונפט".

דער זער טאלענטירטער דיכטער חיים בעז, צונויפשטעלער פון צווייטן באנד פון דער אנטאלאגיע, האט במשך פון די לעצטע פיר צענדליק יאר ארויסגעגעבן אכט לערן־ביכער פאר דער יידישער שול, באהאנדלענדיק די יידישע שפראך, איר ליטעראטור און געשיכטע. ער האט אויך רעדאגירט א דריי בענדיקע ענציקלאפעדיע און א האנט־בוך פאר לערער. „שפראך און דערציִונג, 1950".

אין דעם צווייטן באנד אנטאלאגיע זענען פארטראטן פינף און דרייסיק שרייבער. דאס דאזיקע בוך איז איינגעפירט געווארן ווי א לערנבוך פון יידישער ליטעראטור אין א צאל אמעריקאנער אוניווערזיטעטן און איז אויך דער פרעפאראט אין די העכערע קלאסן פון מיטלשול פון די צוויי יידישע טאגשולן אין מעקסיקא.

צווישן די שרייבער, וואס זענען פארטראטן אין צווייטן באנד פון דער אנטאלאגיע, געפינען זיך יידישע דיכטער פון סאוויעט־רוסלאנד און פוילן, וועלכע האבן עולה געווען קיין מדינת־ישראל: יוסף קערלער, רחל בוימוואל, זיאמע טעלעסין, בונם העלער און אנדערע.

אין דער אנטאלאגיע זענען אויך פארעפנטלעכט זער וויכטיקע פראזע־שאפונגען און א צאל צייכנונגען און בילדער פון יידישע מייסטער. דאס בוך אנטהאלט פיר הונדערט מיט פינף זייטן — א גאר גרויסער ביטראג צו אונזער דיכטונג און זייער קינסטלערישער ארבעט.

א גרויסן יישר־כוח דעם טייערן, און הארציקן חבר פאר דער באמת שענסטער ארבעט, דעם חבר חיים בעז.

„חיים" באטייט „לעבן". ווינטש איך מיין ליבן פריינט „עד מאה ועשרים שנה". אמן.

ווער אייגנטלעך איז חיים בעז? א קינד פון יידישע אקטיארן. דער טאטע זיינער איז געווען אן אפערן־זינגער, די מאמע — א פרימאדאנע. דעם פאטערס נאמען איז געווען לעא—ליאוו—, א באריטאן. ער האט שטודירט מוזיק אין ווארשעווער קאנסערוואטאריום. אכצן יאר לאנג איז ער ארומגעפארן מיט א וואנדער־טרופע איבער די וויסטע שטעט אין רוסלאנד. אויך האט ער געשפילט אין א דראמאטיש טעאטער אין נידזשני נאווגאראד און אין כארבין ביז מען האט געמאכט אן אטענטאט אויף סטאליפינען, ווען עס האט זיך אנגעהייבן א שרעקלעכער אנטיסעמיטיזם און עס איז געווארן אוממעגלעך פאר יידישע קינסטלער אויפצוטרעטן.

צוזאמען זענען עס געווען צוויי קאמפאניעס: איינע אן אפערא־קאמפאניע און איינע א דראמאטישע. אין דער אפערא־קאמפאניע זענען געווען בלויז צוויי יידן, איינער פון זיי, יאפא, איז שפעטער געווארן חזן אין ראדאם. חיים בעזס פאטער פלעגט זיין א משורר אין דער ווילנער שטאט־שול אין דער צייט פון דער דייטשער אקופאציע, בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה.

נו, גיי ווייס, אז אט דער געלערנטער יידישער קינסטלער, חיים בעז שטאמט גאר פון אקטיארן! דאך די שענסטע נייעס פאר אונז.

א. מ. ארזשיצער

## א ליטעראַרישער נאכמיטאג לכבוד רייזל זשיכלינסקי

רייזל זשיכלינסקי וועלכע שטאמט פון גאמבין, האט שוין ארויסגעגעבן זעקס ביכער לידער. איצט, צו איר זיבעטן בוך ארויסגעגעבן אין פאריז אין 1977 „די נאוועמבער זון“, האט דער ציוניסטישער ארבעטער־צענטער „בית עם“ אין „בריטאן“ ביטש, ברוקלין, איינגעארדנט א זונטיק־נאכמיטאג לכבוד איר, און צענדליקער פארזאמלטע פרויען און מענער האבן שטארק הנאה געהאט. אפשר, ווען נישט דער קאלטער וועטער און בלאטיקער שניי איבער גאס און געסלעך פון דעם ים־געגנט ווי אומעטום אנגעלייגט אין קיפעס אין ניו־יארק, וואלטן געקומען פיל מער מענטשן. (פון דער שרייבער־משפחה בין איך געווען דער איינציקער צווישן די פארזאמלטע; זי האט זיך דערפרייט מיט זען א פנים פון א קאלעגע־שרייבער).

יעקב קולטשינסקי, א לאנג־יאריקער „פארבאנד“ טוער, א ייד פון א יאר 80, האט זאכלעך ארויסגעלייענט זיינס אן ארבעט וועגן דער טאלאנטפולער דיכטערין. ווי א „לייענער“ האט ער פיין באנומען איר שאפן; הלוואי אויף אלע יידישע לייענערס געזאגט. ער האט אנגעוויזן אז זשיכלינסקי פארמאגט אלע פיר עלעמענטן פון שאפן פאעזיע: געדאנק, געפיל, לשון און ריטם. ער האט אויסגערעכנט די פרעמיעס וואס רייזל זשיכלינסקי האט שוין באקומען פאר איר שאפן, זינט יעקב גלאטשטיין האט איר געדרוקט אין זשורנאל „אינזיך“, ביז דא לעצטנס, דעם מאנגער פרייז.

רייזל זשיכלינסקי האט דערציילט ווי זי איז געזעסן צוויי און האלב חדשים אין פאריז, נאכקוקן אז איר בוך זאל ארויס בסדר, און ווי שווער, וויפיל מי און מאטערניש עס מיינט היינט ארויסצוגעבן א יידיש בוך, אפילו מען זאמלט שוין אן א גרויסע סומע פאר דעם צוועק. זי הויבט אן מיט איר ערשט־געשאפענעם ליד אין איר שטעטל גאמבין, „א ווינטער־ליד“, וועלכעס איז מיט ריטם און געפיל. „די ווינטער־לאנדשאפט האט געפונען א תיקון אין מיין ליד; דאס אבסטראקטע ווערט קאנקרעט, דאס קאמפליצירטע ווערט פשוט“, זאגט די דיכטערין, און מאנגער האט צוגע־



געבן: „פון מיין מאמעס שטוב, וועט זי, זשיכלינסקי בלייבן די זינגערין“.

זשיכלינסקי ווערט טרויעריק און זאגט „מיין מאמעס שטוב האבן די דייטשן חרוב געמאכט; זיי האבן געזען ווילד־גראז אויסוואקסן אויפן ארט פון מיין היים“.

איציק מאנגער האט זשיכלינסקיס לידער פארגליכן צו יאפאנישער פאעזיע. זי האט זיך געכאפט אז מאנגער מיינט אז סוגעסטיע איז וויכטיקער ווי באשרייבונג, און זי לייענט ארויס פון אירע לידער „איך געדענק דאס ארט“, קעגנאיבער מיין פענסטער שווייגט א פענסטער; דער שכן פון דער צווייטער זייט גאס, מיטן בלויזן באווייזן זיך אין זיין פענסטער, ראטעוועט ער מיר, און די גאס פון טויט“.

„דאס ליד, אפטמאל ברענגט דער ווינט“ און וואלט איך גאר באגעגנט אין פעלד“, האט זי תמימות׳דיק ארויסגעבראכט. אזוי אויך די לידער פון איר נייער ליד, „די פארנאכטיקע נאוועמבער זון“, „שניי“, „גרוי ווערן די גארילעס“ און „אין סאבוועי“, און פון א ליד: „פון אלע פנימער געבליבן איין פנים איין קול, פון וועלכן איך ציטער“, ווי זי ציטירט פון ט. ס עליאט: „מיר גרייטן אונזערע פנימער — צו. באגעגענען פנימער“.

עס האט אויך אנטייל גענומען א זינגערין ען ווייצמאן און א פיאניסט. די זינגערין האט געגעבן פאלקסטימליכע ענגלישע, יידישע און העברעאישע לידער, און דעם פארזיץ האט געפירט א קולטור־טוער, אויך אן עלטערער ייד, ישראל בלומעט. יא די דיכטערין האט אריינגעבראכט א שטיק יום־טוב אין דעם ווינטער טאג מיר איר סובטאלן ארט ריידן, דערציילן, ארויסלייענען און אויסטייטשן „בלעטלעך פון לידער טאג־בוך“, פון אירע שטימונגען און געפילן ביים אויפנעמען די וועלט ארום איר, אלץ מיט באשיידענע שיינקייט.

נאך דעם פאעטישן נאכמיטאג זיינען מיר פיר: די דיכטערין אירס א לאנדסמאן פון גאמבין, א חבר פון שול־יארן מרדכי פלאנסקי א צייך־טעכניקער וועלכער האט 35 יאר געלעבט אין ישראל (און האט זיין בלאנדע שיינע ווייב פון פרומע גריכישע יידן אויסגעלערנט יידישע!) מיט זיין רחלען, און דער שרייבער פון די שורות; מיר זיינען אריין אין א קאפע עפעס „איבערכאפן“. און דא האבן מיר בארירט די פראבלעמען פון קולטור און יידיש אין ניו־יארק ווי איינזאם און פארלאזן אפילו אזא פיינע דיכטערין פילט אין דער שטאט. זי דארף בעטן אז ארגאניזאציעס מיט א פארנעם, זאלן ביי איר אפנעמען די 10 ביכער, כדי זיי צו פארשפרייטן צווישן אירע אנפירערס און מיטגלידער; וואס אלע האבן א פיל מויל וועגן אויפהאלטן יידישע קולטור. איך האב בלויז געשטעלט אין פראגע: מיט וואס איז א ייד וואס שאפט דיכטונג, אדער פראזע, ערגער ווי א יידישער צייטונגס־מענטש און א יידישע צייטונג, וואס בלויז א צייטונג רופט מען אויפצוהאלטן — און א יידיש בוך? אייב א שרייבער קען זיך פארט נישט דערשלאגן צו די „גרינע פאפירלעך“ אליין ארויסצוגעבן,

און דערנאָך אַליין פּעדלען פּאַרקויפן זייך שאַפן, מי און שוויס? איז ער, צי זי, אַן איבעריקער מענטש?!

ניין. רייזל זשיכלינסקי האָט אויף דעם נישט קיין ענטפער — קענט איר אין לאָנדאָן ענטפערן?

## אַ שטעקעלע אַריין אַ שטעקעלע אַרויס

אַז צומאָל אַ משה האָט געמוזט האָבן אַ שטעקן!
נישט נאָר צו בייז בלודנע בילנדע הינט,
נאָר צו די סטאַדעס שעפסן וואָס האַלטן אין איין מעקן.

און טאַטע יעקב, צו די לינקע געשעפטן,
יואָלט זיך דען אונטערהינקנדיק אָן אים באַגאַנגען?
אָן דעם וואָונדערלעכן מטה־משה־שטעקן,
צי וואָלטן מיר דען דעם ים אַריבערגעגאַנגען?

אַ ללכ, אַהער אַהין און צוריקגעשמועסט —
אַ שטעקן אַ פּנים אין אַלע צייטן מ׳מוז האָבן!
אַז נישט ליגט מען מיטן פּיפּיק נאָך אויבן,
און אין דער אדמה ניין איילן טיף באַגראָבן.

ליבע פריינט אַרזשיצער, אַז איך וועל אייך ענטפערן, וועט ביי אונז קיין איין גאַנץ ביינדל נישט איבערבלייבן — כ׳מיין פון מיר אַליין: ס׳איז אַ וואָך פאַר פּסח, די גאַנצע וועלט וואַרט אויפן פּסח־נומער „לשון און לעבן" און איך ליג חולהוואַטע כאָטש שריי חי וקים. איז מילא, מ׳וועט מיר מוחל זיין איז אַ וואָך נאָך פּסח. צוויי וואָכן נאָכן סדר, און אַזוי שלא בסדר צעמיש די פּורים און פּסח־ליד מיינע: דאָס ליד „מיין לעצטער סדר אין דער היים", „משה רבינו", און דער „לובלינער פאַרשטערטער פּסח", ברויכן ערשט צו זיין אויף זייטל 15 פאַר „אליהו הנביא געווין".

און דאָס ליד אינגאַנצן אַרויסגעלאָזט: אַז די וועלט זאָל טאַקע נישט אונטערגיין זאָלן זיי, כאָטש פאַרשפּעטיק, דאָך אָפּגעדריקט ווערן. אַפּנים דער מאמר החכם: „הסדר הוא חצי מלאכה" איז עס טאַקע ריכטיק.



## אויף דער קשיא
## „וואָס וועט זיין ווען משיח וועט קומען?"

— פיר תירוצים פון די ארבעה בנים פון דער הגדה —

א

יעדע שטוב אַ גרויס גן־עדן זיין,
מענטשן אין זיך עניוותדיק קליין,
יעטוועדעס הארץ פון פאַלשקייטן ריין.

דאָס געמיט פון גוטסקייט איבערגיין,
ווי אַצינד פון פיין און געוויין — —
איינער צווייטן הערפּילן, פאַרשטיין.

ב

ס׳וועט דעמלט גאָרנישט נישט זיין — אַ, ניין!
דער אמת נאָר שפּראַצנדיק אויפגיין,
אַ בלום אין ליכטיקן זונענשיין.

וויגעלע ערד וויגלט אונז נאָר איין,
און צער אונזערן נישט אויסצוגיין —
קיין זעלבסטמאָרד, חלילה, צו באַגיין.

ג

ככל הגוים מ׳וועלן זיין,
אין ישענקל אַריין מיר וועלן גיין,
מיט פויסטן זיך האַקן אין די ציין.

און אַז אַ מעסערל אין האַרץ אַריין!
און אַ פּגימהלע געשליפן ריין!
חלף אויף נאַגל איבערצוגיין.

ד

אויב אַזוי, גאָרנישט מער און נישט מיין — —
איז נאָך אַ גלאָז אין גאָרגל אַריין!
וואָס פאַר אַ חילוק בראָנפן צי וויין!

וואַקלדיק איבער אייגן געביין,
פאַלנדיק נישט מער שוין אויפצושטיין,
משיחן אַזוי אַקייגן גיין.

## 30 יאר מלכות ישראל אויף די לאנדאנער גאסן

נאך אזא גלות־גאנג,
טיפסטער תפיסה געפאנג,
מיט אזוי פיל געזאנג
צוריק אהיימגעקומען.

איז דאס משיג צו זיין?
קאן ווערן אזוינס פארשטיין?
יא, אז אינזער געוויין,
עס האט ג־אט דאך פארנומען.

אזוי פיל בראך נאך בראך
און עקסיסטירן נאך?
לעבן געבליבן דאך!
ס׳פרייסטע הארץ טוט זיך פרייען.

דעם 7׳טן מאי 1938.

יידישער וועלט־קאנגרעס (יידישער קאמיטעט) און פאריין
פון יידישע זשורנאליסטן

---

# פ א ר ז א מ ל ו נ ג

**זונטיק, דעם 21־טן מאי, 1978, פונקט 3 א זייגער**

אין

1/2 ENDSLEIGH STREET, LONDON, W.C.1
B'NAI B'RITH HILLEL HOUSE

1.

יעקב הלוי ז״ל ........ שמואל גאלדשמידט
יצחק נתני ז״ל ........ בערנארד גאר
אזכרה ........ הרב ל. נ. בוים

2.

דער יידישער ישוב אין פראנקרייך ........ פראפ. ט. גראל (פאריז)
פארזיצער: יוסף פרענקעל

---

איינטריט פריי — קומט אין צייט

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

479 — 39׳סטער יארגאנג — דעצעמבער 1978 — לאנדאן

אינהאלט:

ירושלים, ביי דער כותל מערבי, משה רבינו, שמשון הגיבור, שמואל הניבא, הע רלעצטער נביא, דעם בעל־שם׳ס נסיעה קיין ישראל, דער חוזה מלובלין, מאמע־יידיש א.א. ........ *** 1
דער דיכטער אהרן ווערגעליס ........ נ. מ. סידא 20
יוסף פרענקעל צו פינף־און־זיבעציק ........ שמואל גאלדשמידט 23
א טרויעריקער טעות (דערציילונג) ........ הערמאן איזעראוויטש 25
מאמע, אזוי לאנג, צו דער יארצייט (לידער) ........ עלא זילבערג 29
א גרויסער רב און א גרויסער בעל מידות (עסיי) ........ הרב דוב ב. ווארשאווסקי 30
א צעשיידונג (סקיצע) ........ א. זאכרין 32
אייביקע ליבע (צום אנדענק פון פאעט שמעון זאלקין ע״ה) ........ אסתר ערליכמאן 34
שוואנען־געזאנג (לידער) ........ א. נ. שטענצל 37
הארי פארקער—פאצאנאווסקי—ע״ה ........ אייזיק גאלדבערג 48
לזכרון פון א וועטעראן־אקטיאר פון יידישן טעאטער נעט ........ רובין 49
יוסף מלאטעק און מ. פרענק ........ סעם גאלדבערג 51
שלאף מיין קינד (ליד) ........ דוד בערמאן 55
אן ענערגישער און גרויסער קעמפער פאר יידיש ........ סעם גאלדבערג 53
נעט רובין — א בעל יובל ........ אייזיק גאלדבערג 55
די האיאריקע אויסשטעלונג ביים בן־אורי ........ נעט רובין 56
א שטעקעלע אריין א שטעקעלע ארויס ........ ש. 58
לאנדאנער קולטור ידיעות

רעדאגירט א. נ. שטענצל
פרייז 20 פענס
יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס 3 אזייגער באמאנטס גראוו, א.1.

Published and edited by A. N. STENCL, 7 Greatorex House, GreatorexS Street, E.1, and printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.